ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



## כ' ניסן תשס"ה

## שבת שביעי של פסח

טייערע קינדער שלוחים,

א כשר און פרייליכן פסח. פסח איז א צייט פון חירות – פרייהייט. מיר דאנקן דעם אויבערשטן אז מיר זיינען געווארן פרייע מענטשן און מיר האבן באקומען זיין הייליקן תורה. איר, אלס שלוחים, האבן דעם גרויסער זכות צו ברענגען די פרייהייט וואס תורה און מצוות ברענגען צו אלע אידישע קינדער ארום אייך. און דורך דעם ברענגען די אמת'ע פרייהייט מיט די גאולה האמיתית והשלימה נאו!!!

אײדלה וועכטער

# דעם חסידיש'ן לוח

## משיח סעודה - אחרון של פסח

"טאטע, פארוואס נעמען מיר נאכאמאל ארויס די מצה און וויין? עס איז שוין כמעט דעם סוף פון יום טוב און מיר האבן שוין געגעסן דעם סעודה."

"מענדל, אויף אחרון של פסח עסען מיר נאך א סעודה צוליב דעם גרויסקייט פון דער טאג - א משיח סעודה!! דער בעל שם טוב האט געפראווועט דעם ערשטן משיח סעודה אויף אחרון של פסח. אחרון של פסח מאכט מען א משיח סעודה, ווייל אחרון של פסח שיינט דעם גילוי פון משיח. אין יאר תרס"ו האט דער רבי רש"ב מתקן געווען צו עסן מצה און טרינקן פיר כוסות וויין ביים משיח סעודה, אריינצונעמען אין זיך די טעם פון גאולה!"



# לעבן מיט דער צייט

## שבת שביעי של פסח

די לעצטע טעג פון פסח

אין צוגאב צו דעם וואס פסח אין אלגעמיין האט א שייכות מיט דער גאולה העתידה, ווארום די גאולה העתידה וועט זיין ענלעך צו יציאת מצרים, ווי עס שטייט: **"כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"** (איך וועל דיר ווייזן וואונדערן ענלעך צו די טעג ווען דו ביזט ארויס פון מצרים),

האבן די לעצטע טעג פון פסח - שביעי של פסח און אחרון של פסח - א ספעציעלע שייכות מיט דער גאולה העתידה.

ווי מיר זעען אין דער הפטורה פון אחרון של פסח, וואו עס רעדט זיך אלץ וועגן דער גאולה שלימה דורך משיח צדקנו.

אויך שביעי של פסח - דער טאג פון קריעת ים סוף - האט א נאענטע שייכות מיט דער גאולה העתידה, ווייל איינער פון די וואונדערן וואס דער אויבערשטער וועט ווייזן אין דער גאולה העתידה איז - ווי מיר זאגן אין דער הפטורה פון אחרון של פסח - **"והניף ידו על הנהר גו' והכהו לשבעה נחלים"**: דער אויבערשטער וועט "שפאלטן" דעם טייך (פרת), ענלעך צו דעם נס פון קריעת ים סוף.

כדי צו זוכה זיין צו דער גאולה שלימה, ווען דער אויבערשטער וועט איבערקערן די פינסטערניש פון גלות און ברענגען אונז די ליכטיקייט פון דער גאולה שלימה (וואס וועט זיין נאך גרעסער פון יציאת מצרים) - ווענדט זיך דאס אין דעם, אז אידן, אנהויבנדיק פון אידישע קינדער, "קערן איבער" די פינסטערניש פון זייער יצר הרע און מאכן ביי זיך ליכטיק.

ווי אנגעדייט אין דער מצוה פון "ביעור חמץ" (אויסראמען דעם חמץ), וואס איז א רמז אויף דעם אז א איד דארף אינגאנצן פארטרייבן און אויסראמען זיין יצר הרע ביז צו פארברענען אים אינגאנצן (אזוי ווי מיר פארברענען דעם חמץ).

און דורך דעם איז מען זוכה צו דער גאולה שלימה תיכף ומיד ממש, ווי די חז"ל זאגן "זכו - **אחישנה**": ווען אידן זיינען זוכה קומט די גאולה אויף א שנעלן אופן: מען גייט גלייך קיין ארץ ישראל אויף "ענני שמיא" (וואלקנס פון הימל), און מען טרעפט אלע קרובים אין ירושלים עיר הקודש, און דארט גופא - אין בית המקדש השלישי, און מ'איז זוכה צו **"יראה כל זכורך את פני האדון ה'"**!

*(דער רבי רעדט צו קינדער - ח"י ניסן תנש"א)*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# די י"ב פסוקים

# דערצייל מיר א מעשה

**לכבוד י"א ניסן לייגן מיר צו יעדער וואך אין חודש ניסן א חלק פון די י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל מיט ביאורים**
**(אהלי מנחם) חלק ג'**

**בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ**

*אין אנפאנג האט ה' באשאפן די הימלען און די ערד (און אלץ וואס אין זיי).*



ווען א קינד, און אפילו א דערוואקסענער, קוקט זיך ארום צו די פארשידענע ניט געוואונטשענע זאכן וועלכע קומען פאר אין וועלט, קען עס ברענגען אויף אים א נעגאטיוון געפיל - לערנט אונז דער פסוק אז די וועלט האט א שטענדיקן באשעפער וועלכער פירט מיט איר אן. און דורך לערנען און אנהאלטן זיך אין זיין תורה ווירקט מען אז די אלע זאכן פון וועלט פירן זיך אין אזא וועג אז זיי זאלן העלפן דעם אידן צו לערנען און היטן די תורה.

**ושננתם לבניך ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך**

*און זאלסט זיי לערנען (די תורה) צו דיינע קינדער און דו זאלסט רעדן אין זיי (דברי תורה) ווען דו זיצט אין דיין הויז ווען דו גייסט אין וועג, ווען דו לייגסט זיך און ווען דו שטייסט אויף.*



בא א אידישע קינד דארף זיין איינגעקריצט דער געדאנק (וועלכע מען זאגט אין קריאת שמע עטליכע מאל יעדער טאג) אז אין יעדער פלאץ און יעדער צייט דארף ער זיין פארנומען מיט תורה: לייגן זיך שלאפן מיט א ווארט תורה, און אויפשטיין לויט די אנווייזונגען פון תורה.

**יגעתי ולא מצאתי אל תאמין לא יגעתי ומצאתי אל תאמין יגעתי ומצאתי תאמין**

*איך האב געהארעוועט אבער נישט געפונען (דערגרייכט) - גלייב נישט: איך האב נישט געהארעוועט און געפונען - גלייב נישט: איך האב געהארעוועט און געפונען - גלייב עס.*



א אידישער קינד דארף וויסן אז אויב ער זעט ניט קיין מעגליכקייט צו איבערקומען זיינע שוועריקייטן און שוואכקייטן - איז עס בלויז איבער דעם וואס עס פעלט ביי אים די ריכטיקע ארבעט, און אויב ער וועט ארבעטן ווי געהעריק - וועט ער זיכער דערגרייכן צו די גרעסטע, העכסטע דרגות פון תורה און אידישקייט.

## די שלוחים זיינען א חלק פון מיין משפחה

עס איז געווען ליל הסדר ביים רבי'נס הייליקן טיש (ווען דער רבי האט געפראוועט דעם סדר אויבן אין 770). ווען עס איז געקומען דער צייט צו עסן די אפיקומן, האט דער רבי געפרעגט וועגן א פאר ישיבה בחורים. די בחורים זיינען געפארן אין מעלבורן, אוסטרליא אויף שליחות.

מען האט גלייך געזאגט דער רבי אז די בחורים זיינען צוריקגעקומען אין ניו יארק אויף פסח, און זיי זיינען איצטער אין 770. דער רבי האט געהייסן גלייך אריינברענגען די בחורים.

יעדער פון די בחורים-שלוחים האט זוכה געווען צו באקומען א חלק פון דעם אפיקומן פון דער רבי'ס הייליקן הענט.

"עס שטייט, אז מען מוז געבן צו יעדער פון די משפחה א שטיקל פון דעם אפיקומן," האט דער רבי געזאגט, "און די שלוחים זיינען א חלק פון מיין משפחה. באמת זיינען אלע בחורים אין ישיבה מיינע קינדער, אבער מיינע שלוחים זיינען ספעציעל."




## משיח נאו!

אויף שביעי און אחרון של פסח זאגט מען ניט שהחינו ביים ליכט צינדן אדער קידוש. דער צמח צדק ערלערט אז מען זאגט ניט שהחינו אויף אחרון של פסח ווייל אונזער שמחה איז ניט גאנץ.

די שמחה פון אחרון של פסח איז פארבונדן מיט די גאולה העתידה, (און ניט מיט דעם גאולה פון מצרים) און דאס האבן מיר נאך ניט איינגאנצן. דערפאר קען מען ניט זאגן שהחינו אויף דעם.

קינדער, דעם יאר וועלן מיר טאקע האבן די גאולה האמיתית והשלימה אין א גשמיותדיקן זין, און מיר וועלן טאקע בענטשן "שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!"

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, כ"ה ניסן, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)**

# שאלות—שבת שביעי של פסח

1. וועלכע ספעציעלע ענין נעמט מען פון יום טוב פסח בכללות? ____________

______________________________

2. וויאזוי קערן מיר איבער פינסטערניש צו ליכטיקייט? ____________

______________________________

3. וואס איז ספעציעל וועגן דעם יו"ט אחרון של פסח? ____________

______________________________

4. וואס עסן מיר ביי משיח סעודה? ____________
5. ווער האט געפראוועט די ערשטע משיח סעודה? ____________
6. וואס טרינקט מען ביים משיח סעודה? ____________
7. פארוואס עסט מען און טרינקט מען ביי משיח סעודה? ____________

______________________________

8. פארוואס דארפן מיר וויסן ווער האט באשאפן די וועלט? ____________

______________________________

9. וואס איז אונזער וויכטיגסטע זאך אין לעבן? ____________
10. וואס מוז מען האבן בכדי צו געפינען - דערגרייכן אין אידישקייט?

______________________________

נאמען: ____________ ווי אלט: ____

אדרעס: ______________________________

אי-מייל: ______________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org